אורטייל איז קוטשיאק'ס פראצעס זעה זייט 7

היינט 10 זייטען

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 28 | Łódź, Sroda, 1 luty 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ה' שבט תרצ"ג | № 28

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# ווילהעלם וויל צוריקקעהרען

## רושם איז דער וועלט צוליב היטלער'ס נאמינאציע

לאנדאן, 31. (ספ. טעל.) די לאנדאנער פרעסע שרייבט זעהר איינגעהאלטען וועגען היטלער'ן. די צייטונגען שרייבען, אז היטלער אלס קאנצלער איז נישט דער היטלער פון א מיטינג.

„דיילי טעלעגראף“ דריקט אויס די האפנונג, אז די מיטינג־פאסטולאטען פון די נאציאנאל־סאציאליסטען ווי יודען־פאגראמען, פערמלוכהשען די באנקען א. אז. וו. וועלען נישט רעאליזירט ווערען. „דיילי עקספרעס“ שרייבט, אז די נאהענטסטע צוקונפט וועט באווייזען צי היטלער איז א העלד אדער א שארלאטאן.

פאריז, 31. (ספ. טעל.) די פאריזער צייטונגען שרייבען, אז די שטימונג אין דייטשלאנד איז איצט פונקט אזעלכע ווי אין די אויגוסט־טעג 1914, די מאסען זענען ארומגענומען מיט ענטוזיאזם.

לאנדאן, 31. (ספ. טעל.) אין צוזאמענהאנג מיט דער נאמינאציע פון היטלער'ן אלס קאנצלער שרייבט „דיילי העראלד“, אז דער עקס־קייזער ווילהעלם האלט, דאס איצט איז געקומען די צייט, אז ער זאל צוריקקומען קיין דייטשלאנד. ווילהעלם האט בעקומען א גאנצען טאג געריערט טעלעגראמען מיט בערלין, די האלענדישע צייטונגען שרייבען אפילו, אז ווילהעלם גרייט זיך צו פערלאזען האלאנד.

בערלין, 31. (ספ. טעל.) די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי און די פראפעסיאנעלע פעראיינען האבען ארויסגעגעבען אן אויפרוף צו די ארבייטער, אין וועלכען ס'ווערט געזאגט, אז זיי זאלען זיך אקעגענשטעלען יעדען פרוב פון דער רעגירונג צו פערגוואלדיגען די קאנסטיטוציע דורך דער רעגירונג. דער אויפרוף פאדערט פון די ארבייטער רוהע און דיסציפלין.

בערלין, 31. (ספ. טעל.) דער ארגאן פון די קאמוניסטען „ראטע פאהנע“ איז קאנפיסקירט געווארען פאר אפדרוקען אן אויפפאדערונג צום אלגעמיינעם שטרייק.

בערלין, 31. (ספ. טעל.) בעת דעם בלוטיגען צוזאמענשטויס וואס איז בעכטען פארגעקומען אויף די בערלינער גאסען צווישען די היטלעריסטען און קאמוניסטען זענען געפאלען 2 טויטע; א היטלעריסט און א פאליציאנט. 3 קאמוניסטען זענען שווער פערוואונדעט געווארען.

בערלין, 31. (ספ. טעל.) פון דער גאנצער פראווינץ קומען אן ידיעות וועגען בלוטיגע צוזאמענשטויסען אין צוזאמענהאנג מיט די היטלערישע מאניפעסטאציעס. אין האללע, דיסעלדארף, קעניגסבערג, מאנהיים איז געקומען צו קאמפען צווישען היטלעריסטען און קאמוניסטען, פיל פערזאנען זענען פערוואונדעט געווארען.

בערלין, 31. (ספ. טעל.) דער היטלערישער „אנגריף“ דערציילט, אז די נייע רעגירונג וועט אננעהמען די שטרענגסטע מיטלען געגען דער קאמוניסטישער פארטיי.

אין רוהר געביט האבען די קאמוניסטען געפרובט היינט ארויסצורופען א שטרייק אין די קוילען־גרובען..

## הויפט־פיגורען פון נייעם דייטשען קאבינעט


גראף שווערין־קראזיגק פינאנץ־מיניסטער


נויראט אויסערן־מיניסטער


געהרינג אהן פארטפעל


פריק אינערן־מיניסטער


גענ. בלאמבערג רייכסוועהר־מיניסטער


הוגענבערגווירטשאפט און אגרער־מיניסטער

# שווערער נסיון פאר די דייטשע יודען

## וואס האבען געבלוטיגט פאר זייער פאטערלאנד

### איז דאס איבערנעהמען די מאכט דורך היטלער'ן

בערלין, 31. (יט"א טעלעגראפיש) די פיהרענדע יודישע קרייזען אין בערלין מאכען פאלגענדע בעמערקונג צו היטלער'ס איבערנעהמען די מאכט.

צום ערשטען מאל איז אין דער שפיץ פון דער דייטשער רעגירונג געשטעלט געווארען א מאן, וואס זיין פראגראם איז צו בעקעמפען די יודען. דאס שטעלען היטלער'ן אין דער שפיץ פון דער דייטשער רעגירונג איז א שווערער נסיון פאר די דייטשע יודען, וואס האבען אזוי פיל געבלוטיגט פאר זייער פאטערלאנד. מ'רעכענט אבער, אז דער בעשפייזונגס־מיניסטער הוגענבערג (דייטש־נאצ.) וועט זיך ענטגעגענשטעלען די היטלעריסטישע מיניסטארען. דאס גאנצע דייטשע יודענטום שטעהט גרייט צו פערטיידיגען זיין רעכט און כבוד.

## ביאליק־פייערונג אין בערלין

### אפגעלעגט צוליב דער אומרוהיגער שטימונג

בערלין, 31. (יט"א טעלעגראפיש) צוליב די אומרוהיגע שטימונג, איז די ביאליק־אקאדעמיע אפגעלעגט געווארען.

אויגען־קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען־קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישע פון 9–1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

409I

Dr. Wajnberg

ספעצ. פון הארץ־און לונגען־קראנקהייטען

ציגעל־גאס 11, טעל. 126.02

נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אווענד

א הערצליכען מזל־טוב ווינשט דעם געעהרטען פערוואלטונגס־מיטגליד

ה' שלמה טארקא

צו דער חתונה פון זיין זוהן

די פערוואלטונג פון דער גמ"ח „נותן לחם“

447

50%

צאהל איך מער בריליאנטען, גאלד, זילבער, פערל, גאלדענע צייהן און לאמבארדאווע קוויטעס

M. H. LISSAK,

5. Piotrkowska 5.

הננו משתתפים בצערו הגדול של יושב־ראש ועדנו האיש יקר הרוח העסקן הצבורי איש תרומות ר' יחיאל יצחק נ"י בערמאן על האסון הגדול שקרהו בהלקח מאתו רעיתו היקרה העדינה, הצנועה, אשה יראת ד' היא תתהלל, אשת חיל עטרת בעלה

מרת גיטל בת ר' יעקב ז"ל בערמאן נ"ע

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

הועד של התלמוד־תורה ע"ש הרהגה"צ רבנו אלי' חיים מייזל זצ"ל

464

